Robin Hood
FLOUR
"געלט צוריק" גאראנטיע
באשיצט אייך

דעם
רב'ס טאכטער
א העכסט שפאנענדיקער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין מיטל־אלטער
פון לעאן וויזענטעל

(פארזעצונג)

— אזא מיידל אדער אן אנדער מיידעל, — האט דער גראף איראניש געשמייכלט, — איך האב שוין אלע געזעען, און איך ווייס שוין, אז זיי זיינען אלע ניט קיין הייליקע . . . זיי זיינען אלע פרויען און זיי אונטערשיידן זיך אין קיין שום זאך ניט. איבערהויפט ניט אין זייער באציאונג צו א מאן . . . מיר מענער דארפן נאר וויסן ווי אזוי מיט זיי ארומצוגיין, און דאן ווארפן זיי שנעל פון זיך אראפ די הייליקע מאסקעס און זוכן אין אונז דעם מאן ניט ווייניקער ווי מיר זוכן אין זיי די פרוי. . . . דו האסט א גרויסן טעות, מיין פרינץ, אויב דו דיינקסט, אז דערפאר ווייל זי איז א אידישע איז זי אנדערש פון אנדערע.

די דאזיקע ווערטער האבן ביסלאכווייז אנגעפאנגען צו ווירקן אויף דעם ווייניק דערפארענעם פרינץ. אפשר האט ער טאקע געמאכט א טעות ? — האט ער זיך געטראכט. — אפשר איז חנה'לע טאקע נאר א שלויע מיידל, וועלכע האט טאקע געוואוסט אויף וועלכן אופן אין אים צו פארלעשן דעם פייער פון ליידנשאפט כדי זיך ארויסצודרייען פון זיינע הענט דערפאר ווייל ער איז א קריסט ?

וואלט עמעריך ניט געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם אויסגעטרונקענעם וויין, אזוי וואלטן אפשר אזעלכע געדאנקען קיינמאל ניט געווען געקומען אין זיין קאפ אריין. איז ער דאך אבער געווען אביסל שיכור'לאך, און דערצו נאך שטארק פארשעמט פון דעם גראפס שפאטיש געלעכטער, אזוי האבן שוין אין זיין מוח אנגעהויבן ארומפליען פארשיידענע געדאנקען, וועלכע האבן אים געוויזן חנה'לען אין א גאנץ אנדער ליכט ווי ביז איצט.

— איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז דאמאלסט געשען, — האט ער זיך פארטיידיקט. — נאך קיינמאל אין מיין לעבן האב איך צו קיין שום פרוי ניט געפילט אזא טיפן רעספעקט ווי צו דער דאזיקער אידישער מיידל . . . זי האט מיר פשוט אויסגעזען ווי א געטין און איך האב זיך געפילט געצוואונגען קעגן איר זיך צו באנעמען ווי מיט א הייליקער. איך האב זיך פשוט פארלארן אין איר אנוועזנהייט.

— אט דאס טאקע איז געווען שלעכט, — האט דער גראף געענטפערט, — ווייל וואלסטו פון איר ניט געווען אזוי שטארק איבערראשט געווארן, אזוי וואלסטו קיינמאל אין איר ניט געזען מער ווי נאר די פרוי, וועלכע דארף דיר רייצן, וועלכע דארף אנצינדן אין דיר דעם פייער פון ליידנשאפט און אים אויך באלד שטילן . . . דאן וואלסטו געווען געוואוסט, אז דו געפינסט זיך אין דער געזעלשאפט פון א שיינער מיידל, וועלכע דארף דיר געהערן, און דו וואלסט איצט ניט געהאט מער צו האבן אזא שטארקן פארלאנג נאך איר . . . דו וואלסט זי זיכער געווען געהאלטן אין דיינע ארעמס ביז זי וואלט זיך דיר געווען צוגעגעבן, און איצט וואלסטו זי מער אפילו ניט אין זינען געהאט.

— ווען איך וואלט געווען אויף דיין ארט, — האט דער גראף נאך מיט שפאט צוגעגעבן, — וואלט איך שוין געוואוסט וואס צו טאן. וואס קומט אבער ארויס, אז אנשטאט מיר ביזטו געווען מיט דער אידישער מיידל . . . און דו ביזט זיך טאקע א פרינץ אבער דו ביזט א נאר, גאר גרויסער שלים־מזל . . .

אזא באליידיקונג האט עמעריך שוין ניט געקאנט פארטראגן. ער, א — א שלים־מזל ? ! איז ער דען ביז צו דער צייט ווען ער האט באגעגנט חנה'לען ניט געווען פונקט אזא העלד אין אומגאנג מיט פרויען ווי דער גראף ? . . . איז דען ביז איצט אין הויף געווען איין דאמע, וועלכע איז אים געפעלן, אז זי זאל זיך אים אנטזאגן איבערצוגעבן ? . . . זייט ער קאן דערדענקען, איז נאך קיינמאל ניט געווען אזא פרוי, וועלכע ער האט געוואלט באזיצן און ער האט דאס ניט געקאנט דורכפירן. און איצט ? . . . א שלים־מזל און ער, זיין פריינט, איז געווארן דער העלד, וועלכער לאכט פון אים און מאכט זיך לוסטיק אויף זיין אומבאהאלפנקייט . . .

— פארדאמט ! — האט ער מיט כעס אויסגערופן. — מיך, מיך רופסטו שלים־מזל ? איך בין אין דיינע אויגן א טויגעניכטס ?

— ווער ניט אזוי היציק, מיין פרינץ, — האט אים דער גראף רואיק געענטפערט. — איך האב דיך געוויס ניט געוואלט באליידיקן. איך האב בלויז באנוצט דאס ווארט כדי אין דיר ווידער אויפצוּוועקן דעם מאן און דעם ריטער . . . איך וויל, אז דו זאלסט צוריק ווערן דער אלטער פרינץ, דער שטאלצער, דער העלדישער, וועמען קיין פרוי זאל ניט קאנען ווידערשטיין. און ניט, אז דו זאלסט האנדלען ווי אן אומבאהאלפן אינגל און דו זאלסט דארפן אז אנדערע זאלן דיר העלפן . . .

— ווען איך וואלט געווען אויף דיין ארט, — האט דער גראף גערעדט אין איין אטעם, — אזוי וואלט איך איצט איבערגעלאזט די גאנצע געזעלשאפט אין פאלאץ, און איך וואלט געגאנגען אין דער אידישער געטא וואו איך וואלט געפונען דעם שלאפצימער פון יענער מיידל און איך וואלט דארטן געווארן דער גאנצער באלעבאס . . .

דער פעסטער טאן, די זיכערקייט אין וועלכער דער גראף האט ארויסגערעדט זיינע ווערטער, האבן געמאכט א טיפע ווירקונג אויף דעם פרינץ, וועלכער איז געווען בארוישט פון ווין פון איין זייט און פון ליבע און ליידענשאפט פון דער צווייטער זייט.

אין אן אויגנבליק האט ער באשלאסן, אז ער מוז באלד האנדלען אויף אזא אופן, וואס זאל אים צוריקגעבן דאס אנזעען אין די אויגן פון זיין פריינט. ער מוז עפעס טאן כדי ניט צו ווערן דער חוזק פון די אריסטאקראטישע הערן און דאמען. דאס בעסטע וואס ער קאן טאן — האט ער געטראכט — איז אננעמען די עצה פון זיין פריינט און גיין גלייך צו חנה'לען . . .

— קום ! — האט ער זיך נאך א ווילע אפגערופן, — לאמיר גיין צוריק אין זאל.

— דו מוזט טאן איינס פון די ביידע — האט אים דער גראף נאך געזאגט אויף דעם וועג צוריק — אדער דו מוזט זי אויפזוכן און זי באזיצן, אדער דו דארפסט גלייך אויף דעם ארט פארגעסן, אז דו האסט זי ווען עס איז געזעען, און אז זי עקזיסטירט אינגאנצן אויף דער וועלט.

ווען עמעריך איז צוריקגעקומען אין זאל זיינען זיינע אויגן געווען געווענדעט אויף דער פרינצעסין. ער האט געוואוסט, אז פאר איר דארף ער זיך היטן, ווייל זי לאזט קיינמאל ניט אראפ אירע אויגן פון אים. צום גליק איז אבער די פרינצעסין פונקט געווען פארטיפט אין א געשפרעך און ער האט זיך געקאנט ארויס'גנב'ענען פון זאל כמעט אומבאמערקט פון אלעמען.

ער איז שנעל אריין אין זיינע צימערן וואו ער האט אויף זיך ארויפגעווארפן א שווערן מאנטל און א מאסקע און ער איז ארויס פון דעם הויף.

דער דינער, אנגענעמער און אפקילענדער רעגן, וועלכער האט נאס געמאכט די גאסן פון טירנא און די פעלדער פונם אומגעגנט. מיט דעם צופאלן פון דער טונקלקייט, האט זיך אין די שפעטערע אוונט שטונדן אנטוויקלט א שטארקער און וואלקנסברוך אויסגוס, וואס האט געדראעט מיט א גרויסער פארפלייצונג. דערצו נאך איז צוגעקומען א שטארקער און בייסנדער ווינט, וועלכער האט געטראגן דאס רעגן וואסער מיט א באזונדערער הארטקייט, און ווער עס האט זיך דאמאלסט געפונען אויף דער גאס, דעם איז ווירקלאך ניט געווען מיט וואס צו מקנא זיין. דער רעגן האט ניט בלויז נאס געמאכט די קליידער און דעם קערפער, נאר ער האט אויך אומ'ברחמנות'דיק געפאטשט אין פנים אריין און ער האט שווער געמאכט דעם גאנג.

דערפאר טאקע האט די שטאט אויסגעזעען נאך דעם קארניוואל ווי א פארלאזענער בית־עולם. דא און דארט האט זיך נאך געזעען פארביילויפן עפעס א טונקעלע פיגור, וואס איז געווען געצוואונגען ארויסצוקומען אויף דער פרייער לופט. דער רוב מנין ורוב בנין פון די טיראנ'ער איינוואוינער וועלכע זיינען דערצו נאך געווען פאר'שיכור'ט און אויסגעמאטערט פון דעם קארניוואל, איז שוין רואיק געשלאפן אין די בעטן און אפילו די שטאטישע וועכטער וועלכע פלעגן זיך אין יענע צייטן די גאנצע נאכט ארומדרייען אין די גאסן און אנזאגן די איינוואוינער די צייט און זיי מעלדן, אז אלעס איז אין ארדענונג, האבן זי דאויף פארבאהאלטן אונטער די פאליצעס און אנדערע שוץ־פלעצער כדי זיך אויסצוהיטן פון דעם רעגן.

ווען עמעריך איז ארויסגעקומען פון הויף, איז ער געווען אזוי פארטאן מיט זיך, אזוי פארטיפט אין זיינע געדאנקען, אז ער האט קוים באמערקט דעם שווערן רעגן. ער איז געגאנגען צופוס, ווייל ער האט געוואוסט, אז רייטנדיק אויף א פערד וועט אים זיין שווער, אויב ניט אינגאנצן אוממעגלאך, אריינצוקומען אין דער געטא. אנשטאט אבער וואס דער ווינט און רעגן האבן געזאלט זיין א שטערונג אין זיין גאנג, האבן זיי אים נאך געהאלפן.

באהערשט פון דעם איינציקן געדאנק, וואס שנעלער צו קומען צו יענער, וועלכע האט געפאנגען זיין הארץ, איז ער מיט פעסטע טריט געגאנגען איבער דעם מארק, אין וועלכען ער האט ערשט מיט עטלאכע שעה פריער געראטעוועט דאס לעבן פון דער מיידל, וועלכע האט זיך אים אזוי איינגעפרעסן אין זיין הארצן. איצט האט ער אבער שוין מער ניט געטראכט וועגן די פריערדיקע פאסירונגען. אלע זיינע חושים זיינען געווען פארנומען מיט דעם איינציקן געדאנק — וואס שנעלער צו קומען צו איר און זי צו האלטן אין זיינע הענט, זי צו דריקן צו זיין הארץ און זי אנצורופן זיינע.

שנעל האט ער געשפאנט איבער די גאסן און ער האט אליין ניט באמערקט אז ער איז שוין צוגעקומען צו דעם טויער פון דער געטא. און אז ער מוז אנהויבן אויסקלערן עפעס א פלאן ווי אזוי אריינצוקומען דארט און זיין זיכער, אז ער וועט פון קיינעם ניט באמערקט ווערן. זיינע קליידער זיינען אויף אים דורכגעווייקט געווארן פון דעם רעגן און האבן אים שווער געמאכט דעם גאנג. ערשט ווען ער האט דערזעען, אז ער קאן ווייטער ניט גיין, איז ער געבליבן שטיין און ער האט זיך אנגעפאנגען צו פארטראכטן.

(וויטערעס קומט)

1 טאג
נ. פּ. פּאַרטנאַי
מענעדזשער

געדיינקט ! אז מיר קאנען אייך געבן באדינונג אויב איר פארלאנגט, אין אלע אייערע —
דריי־קלינינג
אדער פארבן
PERTH DYE WORKS LTD. 37 266

פאר בעסטע רעזולטאטן - -
פארלאנגען די בעסטע קעכערינס
בלויז
- דזשועל -

סוויפט'ס כשר דזשועל שארטענינג איז שטענדיק גוט — שטענדיק ריין — מישט זיך לייכט מיט מעל — קאכט זיך ניט ברענענדיק — איז טעמ'לאז און גערוכלאז.

Jewel
Shortening
Purely Vegetable
Jewel
דזשועל־כשר

דזשועל שארטענינג
איז א כשר'ע ריינע וועדזשעטייבל פעטקייט און איז
"ניט פליישיג - ניט מילכיג"!

טויזנטער גוטע קעכערנס קלייבן אויס סוויפט'ס דזשועל שארטענינג פאר אלע געבעקסן און צו פרעגלען.

Swift Canadian Co.
Limited

אין וועלכער עלטער איז געוואונשן חתונה צו האבן?

(מיינונגען פון דאקטוירים)

מען קאן זאגן אז וואס העכער עס איז די קולטור מדרגה, אויף וועלכער עס שטייט א פאלק אדער א לאנד — אלץ ערנסטער ווערט דא באהאנדלט די פראגע פון פאמיליען־לעבן. סיי אין פיזישן, סיי אין רעליגיעזן לעבן, איז די אינסטיטוציע פון הייראט אן ערשט ראנגיקע אנגעלעגנהייט סיי פארן יחיד און סיי פאר דעם כלל. אויסער דעם בויען דאס פאמיליען־לעבן, גיט דאס חתונה האבן די מעגלאכקייט צו באפרידיקן די פאדערונגען פון אינסטינקט אויף א נאטירלאכן אופן. אנדערש מוז דער מענש אראפ פון דרך הישר און זיך איינשאפן מיאוסע געוואוינהייטן וועלכע דערפירן צו קראנקהייטן, פארקריפלונג און דעגענעראציע.

ליידער טרעפט גאנץ אפט, אז דאס חתונה האבן ברענגט ניט דאס געוואונשענע גליק, און מען מוז זאגן, אז דאס געשעט על פי רוב דאמאלסט, ווען מען האט ניט חתונה אין דער געהעריקער צייט. דעריבער איז געוואונשען צו וויסן ווען איז די ריכטיקע צייט און עלטער חתונה צו האבן ?

די פאסנדסטע צייט חתונה צו האבען איז דאמאלסט, ווען מען איז געשלעכטלאך פאלקאם רייף.

דערביי דארף מען נעמען אין אכט, אז פרויען ווערן רייף פריער ווי מענער.

די געשלעכטלאכע רייפקייט ווידער האט א גרויסן שייכות מיטן אלגעמיינעם גייסטיקן און פיזישן צושטאנד פון ארגאניזם. די וואס זיינען מער אנטוויקלט פיזיש, ווי אויך מענשן פעאיקערע, ווערן פריער רייף געשלעכטלאך, ווי די וואס זיינען שוואך און אפגעשטאנען.

ביי מאנכע איז עס אויך א זאך פון פאמיליע ירושה. אזוי ווייסט מען פון משפחות, וואו די קינדער ווערן גאנץ פרי געשלעכטלאך רייף. דערביי איז צו באמערקן אז די דאזיקע איינגעשאפטן ירשנ'ען אינגלאך פון פאטער און מיידלאך — פון דער מוטער. דאס גלייכן ווערן קינדער פון געזונטע עלטערן פריער צייטיק, ווי די קינדער פון קראנקע עלטערן.

אלס נארמאל עלטער פון געשלעכטלאכער רייפקייט רעכנט זיך, ביי אינגלאך די צייט צווישן 13־15 יאר; ביי מיידלאך — די צייט צווישען 12־14.

לויט פרא. זיגמונד פרויד, — קומט די רייפקייט ביי מיידלאך נאך פרייער — צו 11 יאר.

אונטערן באגריף פון געשלעכטלאכער רייפקייט דארף מען אבער ניט פארשטיין, אז מען איז שוין ראו חתונה צו האבן און פירן א געשלעכטלאך לעבן. כל זמן דער ארגאניזם איז נאך ניט גענוג אנטוויקלט, קאן יעדער פרוב פון אנהויבן א געשלעכטלאך לעבן — ברענגען צו טרויעריקע רעזולטאטן. ביי פיזיש ניט גענוג אנטוויקלטן מאנספארשוין קאן דער געשלעכטלאכער פארקער ארויסרופן אן איבערקרעגניש אין דער פסיכיק און קאן אים אריינפירן אין נייראסטעניע און משוגעת. ביי דער געשלעכטלאך ניט־רייפער יונגער פרוי קאן עס דערפירן צו א צעריצונג אין די אייערשטאקן אדער אן ענטצינדונג פון דער געבויר־מוטער.

אין פאל פון שוואנגערשאפט איז א מידיעריקע פרוי פשוט איינגעשטעלט מיט איר לעבן.

וועגן דער עלטער, ווען מען דארף חתונה האבן. דאס הייסט, ווען מען איז שוין ראוי צו פירן א פאמיליען לעבן, הערשן אין אלגעמיין פארשיידענע מיינונגען.

דאס רוב מעדיצינישע אווטאריטעטען האלטן זיך ביי דער נארמע, וואס איז אנגענומען ביי אידן : "בן שמונה עשרה לחופה", עס הייסט : סיי מענער און סיי פרויען דארפן חתונה צו האבן אין די דאזיקע יארן אמפארעל, דארף מען חתונה האבן : מיידלאך — צו 17־18 יאר, בחורים צו — 24.

פראפ. קראפט עבינג געפינט אז די געשלעכט ספערן ווערן ביים מענש פארפאלקאמט אין זייער אנטוויקלונג ערשט אין עלטער פון 25 יאר, און דעריבער איז, לויט זיין מיינונג, חתונה צו האבן אין די דאזיקע יארן אמגעזונטסטן פאר אלע, אן אונטערשייד פון געשלעכט.

פראפ. טארנאווסקי טיילט איין די קאטעגאריעס פון חתונה האבנדע לויט דער ראסע, קולטור און קלימאט. אזוי ווייסט מען, אז די מער אפגעשטאנענע פעלקער האבן פריער חתונה, ווי די קולטורעלע. דאס איז דערפאר, ווייל צו דרייצן־פערצן יאר איז מען שוין ביי יענע פעלקער געשלעכטלאך רייף. אזוי ווי אין די מער ציוויליזירטע לענדער נוצט מען אויס די יוגנט־ענערגיע אויף גייסטיקער אנטוויקלונג — קומט דארטן די געשלעכטלאכע רייפקייט פיל שפעטער.

פון א ריין מעדיצינישן שטאנדפונקט איז די פראגע : אין וועלכן עלטער חתונה צו האבן, אייגנטלאך אממייסטן נוגע דער פרוי, ביי וועלכער דאס פראבלעם איז פארבונדן מיטן פראצעס צו ווערן א מוטער. די פראגע דארף דעריבער געשטעלט ווערן אין פאלגנדער פארם : אין וואס פאר אן עלטער איז פאר דער פרוי אמגעזונטסטן דורכצופירן דעם פראצעס פון שוואנגערשאפט.

מעדיציניש פעסטגעשטעלט, אז א פרוי קאן ווערן א מוטער שוין נאכדעם ווי עס האט זיך ביי איר באוויזן דער ערשטער "פעריאד". נארמאל הויבט זיך עס אן פון 13־14 יאריקן עלטער. נאר דאס הייסט נאך ניט נאטירלאך, זיין פעאיק חתונה צו האבן, טאקע צוליב די אלע סיבות, וואס מיר האבן שוין אויבן דערמאנט.

אין אינדיע איז א מנהג חתונה צו האבן זייער פרי.

מען פאר'קנס'ט דארט קינדער צו עלף־צוועלף יאר. דאס פרי חתונה האבען פון דער מיידל שטייט אין צוזאמענהאנג מיט דער בראמינישער רעליגיע, וועלכע האלט פאר אן עבירה צו לאזן דער פרוי פארלירן בלוט בעת דער מענסטרואציע. דאס ווערט ביי אינדישע פרויען אויסגעמיטן דורך שוואנגערשאפט. אזעלכע פריצייטיקע חתונות זיינען אבער זייער פיל שעדלאך פארן געזונט פון דער מוטער און פארן קינד, און די שטערבלאכקייט צווישן קינדער איז דארט דעריבער טאקע זייער שטארק גרויס.

בכלל איז נישטא קיין באשטימטע צייט פאר אלע פרויען גלייך, ווען עס איז פאר זיי געזונט אנצוהייבן א פאמיליען־לעבן, בפרט אז די געשלעכטלאכע רייפקייט, אפילו ביי געזונטע פרויען, קומט ניט שטענדיק גלייך. ווארום הגם דער ערשטער פעריאד דארף זיך באווייזן נארמאל צו דרייצן יאר, טרעפט אבער ביי מאנכע אז ער קומט א סך פריער (אפילו צו עלף יאר). ביי אנדערע ווידער, פארשפעטיקט עס זיך ביז 16־17 יאר. פון דעם איז אבער ניט געדרונגען אז מען איז נאך אלץ ניט רייף געשלעכטלאך. דען מיר ווייסן פון פאקטן, ווען פרויען ווערן שוואנגער, אומפאהייגיק פון דעם, צי זיי האבן זייער פעריאד, אדער ניט.

אבער — ווען איז נאך די אלע באווארעניש, אמגעזונטסטן פאר דער פרוי חתונה צו האבן ? אלזא : מען דארף אננעמען, אז די ערשטע שוואנגערשאפט מוז פארקומען ניט פריער ווי פיר־פינף יאר נאך דער ערשטער מענסטרואציע, דאס הייסט אומגעפער אין עלטער פון 19־20 יאר.

דער באוואוסטער געלערנטער בודי, האט אפילו אנגעוויזן אז וואס יונגער עס איז די פרוי, אלץ לייכטער קומט ביי איר פאר דער פראצעס פון שוואנגערן און געבוירן, אבער דאס רוב דאקטוירים מיינען, אז דאס איז אלץ געווען שייך אמאליקע יארן, ווען דעם מענשן ארגאניזם איז געווען, בכלל קרעפטיקער געבויט. היינט אין די געזונטסטע צייט — פאר א פרוי צו ווערן א מוטער — די עלטער פון 25־30 יאר.

עס זיינען אויך דא דאקטוירים וואס הייסן אפלייגן דאס חתונה האבן ביי דרייסיק צוויי און דרייסיק יאר.

אנווייזנדיק אויף דעם פאקט וואס אין דעם דאזיקן עלטער ווערן געבוירען קינדער מער וואגיקע און עס ווערען אויך געבארן מער זכרים ווי נקיבות. די דאזיקע פאקטן ווערן אבער ניט דורך אלע באשטעטיקט און דעריבער איז דער רוב דעות פאר דעם אז מען זאל חתונה האבן וואס אינגער, אזוי אז דאס מוטער ווערן זאל זיך אנהויבן ארום צוואנציק, צוויי און צוואנציק יאר.

די זעלבע דאקטוירים ווייזן אן אז די אזוי־צו־זאגן מוטערשאפט־פעאיקייט פון דער פרוי דערגרייכט איר קולמינאציע פונקט ארום 25־26 יאר, און יענע עלטער האט א וויכטיקע באדייטונג פארן אויפשטעלן א געזונטן דור.

איצט א פאר ווערטער אויך וועגן חתונה עלטער ביים מאנספארשוין. ניט רעדנדיק וועגן יחידים, ווערן דאס רוב היינטיקע מענער דערשעפט אין עלטער פון 50־55 יאר און אפשר נאך פריער. דאס געשייט צוליב א סך טעמים. קודם, צוליב דעם שווערן עול פון דער עקאנאמישער לאגע און דער עיקר, ווייל מען האט שפעט חתונה געהאט.

די פאסנדסטע צייט חתונה צו האבען פארן מאנספארשוין איז דעריבער די עלטער פון 26־28 יאר. דאמאלסט ווען מען זאל אפילו האבן די גאנצע צייט ביז דער חתונה מיסברויכן אין וואס פאר א מאס עס זאל ניט זיין — האט עס א קנאפע באדייטונג, ווייל נאך אלעמען איז נאך פארבליבן אין ארגאניזים א גרויסע מאס ענערגיע און יוגנט קראפט.

סאסקאטונער נאטיצן

דער נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד האט ארויסגעלאזן דעם פאלגנדיקן אויפרוף צו די סאסקאטונער אידן:

"שוין א לאנגע צייט האט זיך געשפירט די נויטווענדיקייט צו פארשפרייטן דאס אידישע ווארט, דאס אידישע בוך, דאס אידישע ליד אין אלע סאסקאטונער אידישע הייזער.

"אט די וויכטיקע אויפגאבע האט אויף זיך גענומען דער סאסקאטונער בראנטש פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד. א קליין הייפעלע מיטגלידער האבן באצאלט ארום זעקס הונדערט דאלאר פאר דער ביבליאטעק.

"די צאל לעזער איז געוואקסן און עס איז אויך געוואקסן די באדערפעניש פאר נייע אידישע קלאסישע ביכער. אונז איז אנגעקומען פון פוילן א טראנספארט ביכער פאר קארגע $200. ווענדן מיר זיך צו אלע פריינט פון אונזער בראנטש, ווי אויך צו די פריינט פון דער אידישער קולטור, איר זאלט אונז מיט העלפן מיט אייער בייטראג און ווערן א מיטגליד. אייער נאמען וועט זיין אפגעדרוקט אין דעם האנאר ליסט און וועט הענגען אין לעזער־זאל אין דער תלמוד תורה געביידע. נעמט אויף אונזער קאמיטעט פריינטלאך און ווערט א מיטגליד".

* * *

מר. און מרס. מ. קארפ מיט זייערע צוויי קינדערלאך פארן אפ די וואך פון סאסקאטון, צו באזעצן זיך אין וויניפעג. מר. קארפ איז געווען א תושב פון סאסקאטון פאר די לעצטע פינף יאר, וואו ער איז געווען לערער און פרינציפאל פון דער היגער ת"ת.

ס'איז ניט דא דער פלאץ צו אפשטעלן זיך לענגער אויף די אלע טעטיקייטן פון מר. קארפ. איך וועל נאר דערמאנען אייניקע :

אנגעפירט פאר דער גאנצער צייט, זייט ער איז געווען דא, מיט זונטאג קלאסן פאר דערוואקסענער יוגנט. פאר א צייט לאנג געלערנט העברעאיש מיט דער אוניווערסיטעט יוגנט און עלטערע מיטגלידער פון דער יאנג דזשודעא. געמונטערט און צוזאמענגערופן אלע מאל די מוטערס פון די תלמוד תורה קינדער. געהאלטן פאר זיי פארטראגן וועגן דערציאונג. ווען אידיש איז איינגעפירט געווארן אין ת"ת האט ער באוויזן צו פאראינטערעסירן די קינדער אין דער ת"ת ביבליאטעק, וואו קינדער האבן מיט התמדה געלייענט אידישע ביכער, געגרינדעט קינדער קלובן. מר. קארפ איז ניט נאר געווען א לערער פאר די קינדער, נאר גלייכצייטיק א חבר און פריינט פון דער קליינוואַרג. כמעט אלע זיינע תלמידים ליבן און אכטן אים, און מיט אין קינדיש הערצעלע וועט זיך בענקען נאך זייער פריינט און חבר...

פיל צייט האט ער אויך אפגעגעבן פאר קולטורעלע טעטיקייטן פון דערוואקסענע. תמיד געוועקט און געמונטערט מיט לעקציעס, פארלעזונגען ביי די יאנג דזשודעאנס, קולטור פאראיין, נאצ. ארב. פארבאנד, דראמאטישע סעקציע א. א. וו. איינער פון די גרינדער פון דער פאלקס ביבליאטעק.

אלע ווינשן מר. און מרס. קארפ גליק אויף דעם פאסטן.

* * *

מר. און מרס. ש. צייטלין האבן באקומען א טעלעגראמע פון זייער זון מעקס, אז ער איז אנגעקומען בשלום קיין ארץ־ישראל און אז ער איז דער גאסט פון מר. מעקס איידעלמאן. מר. מעקס איז געפארן קיין פאלעסטינע באזוכנדיק אויף זיין וועג פאריז, לאנדאן, ווין, בערלין און א רייע אנדערע שטעט. ער וועט פארברענגען אין פאלעסטינע ביי זיין אנקל 2 מאנאטן צייט.

ל. שטערנבערג.

:לשנה טובה קארדס:


A Trunk full of Wishes for The New Year
61
Mr. & Mrs. F. Nelson Wish You A Happy and Prosperous New Year
19
Mr. & Mrs. F. Nelson
22
Mr. & Mrs. S. Evans Wish You A Happy and Prosperous New Year
9
A HAPPY NEW YEAR
Mr. & Mrs. A. Levin and Family
2
A HAPPY NEW YEAR
Mr. & Mrs. H. E. Wilder and Family
1
Mr. & Mrs. B. Harris Wish You A Happy and Prosperous New Year
16
A Happy New Year
69
Mr. & Mrs. B. Harris Wish You A Happy and Prosperous New Year
47
Best Wishes for A Happy and Prosperous New Year
26

דאס זיינען נאר עטלאכע פון די צענדליקער סטיילס

מיר האבן דעם שענסטן אויסוואל אין שטאט. גיט אריין אייער באשטעלונג איצט — לאזט עס ניט איבער אויף דער לעצטער מינוט. טעלעפאנירט אונז אפ און מיר וועלן צו אייך צושיקן אונזערע סעמפלס, אדער קומט צו אין אונזער אפיס און מאכט אייער אויסוואל

"דאס אידישע ווארט"

165 Selkirk Ave. Phones 52 213-55 409